493450

CENZURAT.

# BINEVESTITORUL

# המבשר טוב

א בלאט וועגען רעליגיאן און מאראל.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...

(ישעיה נ״ב, 7).

ולכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

ווי ליבליך זענען אויף די בערג די פיס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גיטס גיבן צו הערן די ישועה...״

(ישעיה נ״ב 7).

„געהט אין דער גאנצער וועלט און זאגט די בשורה אללע קרעאטור...״

(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

No. 7—8. 1927. קישינעוו.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

## אינהאלט:


1. די פראפעטישע בעדייטונג פון ראש השנה, יום כפור און סכות — — — — — (י. ש. א.)
2. רחצו הזכו
3. די לעהרע פון ישוע המשיח
4. און נאכדעם
5. ישראל'ס אויפגאבע — — (ד״ר גרען)
6. פראגען פאר אידען.

# די פראפעטישע בעדייטונג פון ראש השנה, יום כפור און סכות.

די דריי אויבען-דערמאנטע ימים טובים, ווי איבערהויפט אלע ביבלישע ימים טובים אין זייער ריינער בעשטימונג, וועלכע ווערט אונז געגעבען אין די כתבי קדש (תנ"ך) האבען א טיפע גייסטליכע בעדייטונג. דאס איז אפטמאהל אנגעוויזען געווארען אין דער ליטעראטור פון די וועלכע בויען זייער גלויבען נאר אויפן גרונד פון די כתבי קדש. פיעל וועניגער איז אבער בעקאנט דעם אידישען עולם אן-אנדער אינטערעסאנטער אנזיכט פון די דריי ימים טובים. דאס איז דער פראפעטישער אנזיכט, ד. ה. די ליכט וועלכע די פייערטעג ווארפען אויף גאט'ס פראגראם פאר ישראל'ס עתיד. וועגען דעם וויל איך דא אפאר ווערטער זאגען. מעג איך נאך מיין געערטען לעזער בעטען פאר זיך זעלבער צו געפינען די שטעלען וועלכע איך וועל אנווייזען פון תנ"ך און אזוי אונטערזוכען מיינע ווערטער אויב זיי זענען אין איינשטימונג מיט דער לעהרע פון די כתבי קדש.

## ראש השנה.

וידבר יהוה אל משה לאמר. דבר אל בני ישראל לאמר. בחדש השביעי באחד לחדש יהיה לכם שבתון זכרון תרועה מקרא קדש. כל מלאכת עבדה לא תעשו... (ויקרא כ"ג 23-24) אויף וויפיעל עס איז מיר בעקאנט איז אין תנ"ך ניטא דער אויסדרוק („ראש השנה"), יעדענפאלס ניט אין פערבינדונג מיט דעם יום טוב, וועלכער איז בעוואוסט צווישען אונז ביי דעם נאמען. אין די צוויי שטעלען אין תנ"ך וועלכע רעדען וועגען דעם יום טוב (ויקרא כ"ג, 23 און במדבר כ"ט, 1) ווערט ער אנגערופען יום תרועה. בעקלעהרט נאר אין פערבינדונג מיט דעם ישעיה י"ח, 3; כ"ז, 13 מיט צוזאמענהאנג; נ"ח (דאס גאנצע קאפיטעל) אויך יואל קאפ. א, ב, ג, ד, און איהר וועט גלייך זעהן פון אזעלכע שטעלען אז דער טראמפעט (שופר, „תרועה") איז פערבונדען מיט דעם נאציאנאלישען צוריקקעהרן פון ישראל צו זייער לאנד (והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו ליהוה בהר הקדש בירושלים). איהר וועט אויך מוזען צוגעבען אז, ווייל איינינע פון די אויבען-דערמאנטע שטעלען זענען שוין ערפילט געווארען, אנדערע ווארטען נאך אויף זייער ערפילונג אין עתיד, ווען דער איצטיגער גלות וועט זיך ענדיגען און דער „עם מפזר ומפרד בין העמים" וועט ווידער זיין אין ארץ ישראל. ראש השנה איז א פראפעטישער פארבילד פון דער צייט פון ווידערזאמלונג.

## יום כפור.

וידבר יהוה אל משה לאמר, אך בעשור לחדש השביעי הזה יום הכפורים הוא מקרא קדש יהיה לכם ועניתם את נפשתיכם.... כי כל הנפש אשר לא תענה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה.... שבת שבתון הוא לכם ועניתם את נפשתיכם כתשעה לחדש בערב, מערב עד ערב תשבתו שבתכם (ויקרא כ"ג 26-32) דער טאג ווערט אויך בעשריבען אין ויקרא ט"ז, נאר ווייל דארטען (ויקרא ט"ז) ווערט אונז געגעבען דער ארדנונג און גייסטליכע מיינונג פון טאג, דא ווערט דער פראפעטישער אנזיכט געמאכט אויסגעצייכענט. דא רעדט זיך פון דעם קומער און תשובה פון ישראל, וועלכע זענען א בילד פון ישראל'ס תשובה אין די לעצטע צייטען ווען ישראל וועט זיין צוריק אין זיין לאנד נאך דעם בונד גאך וואס גאט האט מיט איהם געמאכט (דברים ל, 1-10). זעהט אויך די פערבינדונג צווישען דעם „שופר" אין יואל ב, 1. און דעם קלאג וועלכער ווערט בעשריבען אין פסוק 11-16, אויך זכריה י"ב, 10-13 אין פערבינדונג מיט דער קוועלע פון רייניגונג אין זכריה י"ג, 1. ושפכתי על בית דוד ועל יושב ירושלים רוח חן ותחנונים והביטו אלי את אשר דקרו וספדו עליו כמספד על היחיד והמר עליו כהמר על הבכור... ביום ההוא יהיה מקור נפתח לבית דוד וליושבי ירושלים לחטאת ולנדה. פון דער לעצטער שטעלע זעהן מיר אויך אז תשובה אין זיך אליין איז

BCU Cluj / Central University Library Cluj

ניט גענוג. עס מוז אויך זיין דאס מיטעל, דורך וועלכען מיר קענען גערייניגט ווערען פון די זינד אויף וועלכע מיר טהון תשובה.

היסטוריש איז דער „מקור" (זכריה י"ג, 1) געעפענט געווארען כמעט 2000 יאהר צוריק ווען דער „עבד יהוה" האט אויסגעגאסען צום טויט זיין זעעלע און איז מיט די זינדער גערעכענט געווארען און האט געטראגען די זינד פון פילע (ישעיה נ"ג, 12) אבער ער איז געווען פערווארפען ביי אונזער פאלק אין יענעם ווי אויך אין פאלגענדע דורות. נאך דעם ווי ישראל וועט זיך צוריקקעהרען אין זייער אייגען לאנד וועט דער „מקור" ווידער געעפענט ווערען מיט דעם רעזולטאט פאר וועלכען עס איז געווען בעשטימט. דאס איז די פראפעטישע בעדייטונג פון יום כפור.

# סכות.

וידבר יהוה אל משה לאמר. דבר אל בני ישראל לאמר בחמשה עשר יום לחדש השביעי הזה חג הסכות שבעת ימים ליהוה. ביום הראשון מקרא קדש כל מלאכת עבודה לא תעשו, שבעת ימים תקריבו אשה ליהוה ביום השמיני מקרא קדש יהיה לכם והקרבתם אשה ליהוה עצרת היא כל מלאכת עבודה לא תעשו .... ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפת תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל ושמחתם לפני יהוה אלהיכם שבעת ימים .... בסכות תשבו שבעת ימים ... למען ידעו דרתיכם כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים אני יהוה אלהיכם (ויקרא כ"ג, 33-44).

סכות איז צו אלעם ערשטען אן-אנדענקונגס-צייכען פון דער גאולה פון מצרים (זעה פ. 44) אבער ער איז אויך פראפעטיש וועגען דער רוה וועלכע ישראל וועט ווידער האבען אין זיין לאנד. דאנן וועט דער יום טוב געפייערט ווערען ניט נאר ביי ישראל אליין נאר אויך ביי אלע פעלקער וועלכע וועלען זיך דעמאלט בעהעפטען צו ישראל (זכריה י"ד, 16-21).

פון די קורצע עטליכע ווערטער זעהן מיר אז

א) ישראל וועלכער איז יעצט צוזעעט צווישען אלע פעלקער וועט זיך נאך אמאל איינזאמלען אין זיין אייגען לאנד.

ב) אז ער וועט נאך אמאל אמת'ע תשובה טהון און גערייניגט ווערן פון זיינע זינד.

ג) אז ער וועט דערנאך האבען רוה וועלכע וועט שוין קיינמאל ניט אויפהערן.

צוויי פאקטען זעהן מיר אויך דא, וועלכע איך וואלט געוואלט אנשרייבען אויף אייערע הערצער ווען איך זאל דאס קענען.

א) דער שליסעל צו גאט'ס ברכות און צו גאט אליין איז אמת'ע הארץ תשובה.

ב) דער מקור פון וואנען די ברכות פליסען איז דער געקרייציגטער משיח (זכריה י"ב, 10-13; י"ג, 1).

דאס איז א גייסטליכער געזעץ. דאס איז גאטעס וועג, וועלכער איז ניט אונזער וועג.

שוין צוויי טויזענד יאהר אז גאט האט אונז אנגעגרייט א קוויטונג אויף אונזערע זינד, אבער ישראל ווייסט עס ניט און וויל דאס ניט וויסען, ער גיבט זיך אפ מיט עבודה זרה און מיינט נאך, אז ער דיענט גאט.

מיין ליעבער לעזער! זיי ערנסט מיט זיך אליין. בעניג זיך ניט מיט אויסערליכע צערעמאניעס וועלכע האבען קיין בעדייטונג ניט. טהו אמת'ע תשובה. בעקעהר זיך צו גאט דורך ישוע המשיח וועלכער האט זיך געבראכט א קרבן פאר די זינד פון דער גאנצער וועלט. בעהעפט זיך צום שאר־ית ישראל יעצט. דיין וועג ווי אויך זייער וועג וועט ניט זיין א לייכטער. דו וועסט דארפען אפשר ליידען, אבער דו ווי אויך זיי וועסט געפונען קראפט דאצו אין גאט. קיין קראפט אויף דער ערד וועט דיך קענען אפשיידען פון דער ליבע גאטעס, און דו וועסט ניט נאר רעטען דיין אייגענע נשמה נאר מיט דיין בעקעהרונג וועסטו אויך מיטהעלפען דער תשובה שלמה פון גאנץ ישראל. דאס איז מיין וואונש און תפלה.

י. ש. אסטרובסקי

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# רחצו הזכו.

(ישעיה א" טז).

א.

איהר אידליך בני ישראל יונג און אלט,
הערט דער לייב *) שרייט בקול רם פון דער נאהנט:
דער חודש אלול קומט אריין שוין באלד,
וואס אונז אלעמאל צו תשובה דערמאהנט,
דיא ימים נוראים זענען שוין גאר ניט וויט,
סליחות זאגען איז אויך באלד אין דער צייט.

ב.

זכיר ברית אברהם ווערט אומעטום געשריגען:
אוי גאט, דו האסט צוגעזאגט א גאולה, —
און דוא ביסט דאך ניט א גאט פון ליגען,
לאז אונז אצונד ניט ווערען גאר מכולה,
מיר שטעקען אין גלות שוין לאנגע צייט
וואו עס אונז זעהר שווער און ביטטער גאט.

ג.

ווי לאנג נאך, אוי טאטע פאטער! וויא לאנג,
ווענסט דוא דיך ניט איבער אינז מרחם זיין?
וויא לאנג זאלען מיר זיפצען שווער און באנג?
דוא קענסט דאך העלפען, יא דוא נאר אליין.
האב איבער דיינע קינדערליך רחמנות,
האטש מיר ברענגען קיינע קרבנות.

ד.

ונשלמה פרים שפתינו; מיר ליינען דיא עבודה,
נעהם עס אן פון אונז אין דיין גרויס רחמנות,
וויא א קרבן עולה, חטאת, אשם, און תודה,
זייא אינז מציל פון יסורים און פון סכנות.
דינען מיר דען עבודה זרה וויא דיא אומות,
גיין מיר דען ניט אין שול, נישט אין דיא טומאות?

ה.

פאר וואס לאזט דוא אונז אזוי לאנג אין גלות שטעקען
ביזט אונז מוסר אין דיא הענד פון עשו וישמעאל?
ווילסט דוא ניט אונזערע חטאים אויסמעקען
און אונז באלד אהיים פיהרען נאך ארץ ישראל?
השכח חנות אל, האט גאט גאר פארגעסען
וויא מיר ווערען פון דיא גוים געפרעסען?

ו.

דאך לאמיר זיך מישב זיין און זעהן
פאר וואס מיר ליידען זאלכע גזירות!
זענען מיר דען טאקי צדיקים געוועזן,
האבען מיר דען טאקי גאר קיינע עבירות?
און ווען מיר וועלין אונז דרויף תשובה געבען
מוזען מיר ניט באמת מודה זיין חלעבען.

ז.

אז מיר זענען איין עם סורר ומרה
און אז מיר ניט בחנם ליידען צרות;
מיר האבען ניט געהאלטען גאט, זיינע תורה
דארום האבען מיר אויך קיינע כפרות.
דאס קרבן וואס גאטט האט אונז געגעבען
אז זיין טויט זאל מציל זיין אונזער לעבען —

ח.

האבען מיר ניט מקבל געווען אלס א כפרה
מיר האבען איהם פארווארפען און מבזה געוועזן.
כי חטאת קסם מרי—איז אויך עבודה זרה.
וויא זאלען מיר דען פאר גאטט ברוך הוא בעשטעהן.
וואס קען אונז נוצען מעשים און זכית אבות!
גאט קוקט ניט אויף דעם, נאר אויף אונזערע לבבות.

ט.

זענען ניט אלע קרבנות און עולות
אין בית המקדש אללע דיא עבודות גדולות,
נאר א טייטונג געווען אויף דעם רעכטען קרבן
פון משיח, וואס איז געקומען פאר דעם חרבן
פון בית המקדש, אונזערע זינד צו טראגען,
אז ער זאל אינז מיט גאט ב"ה פארטראגען.

י.

דרום הייסט'ס: שובה ישראל עד אלהיך,
טהוט תשובה שלמה מיט גאנצען הערצען;

*) לייב א" ר" י" ה".
א" ר" י" ה" שאג מי לא יירא
ר"ת: אלול, ראש השנה, יום כפור, הושענה רבה

BCU Cluj / Central University Library Cluj

טהוט אוועק איירען חטא—כי כשלת בעונך,
ווארין נאר וועגען דעם חטא לײדט איהר
שמערצען,
איהר האט דען אמת'ן משיח וועגגעשטויסען,
דען בארמהערציגען גואל צדק, דען גרויסען.

י"א.

ביז איהר וועט דאס טהון איז דאך אלעס
אומזיסט,
אויך ווען איהר ערב יום כפור כפרות שלאגט
דאס איז דאך טאקי גאר ניט וואס איהר טהון
מוזט.
אויך ניט ווען איהר יום כפור דיא ווידוי זאגט.
גלויבט אין ישוע המשיח מיט גאנצעם הערצען,
ער אליין קען אייך העלפען און היילען איירע
שמערצען.

י"ב.

ער איז געוועזן אייער קרבן כפרה פאר גאט,
ער וויל אצינד אייער מליץ יושר זיין;
ער, וואס איירע הטאים אויף זיך געטראגען האט
ער וועט אייך פון איירע חטאים בעפרייען,
ווארין דער עונש פון אייער חטא האט איהם
געטראפען,
נאר אזוי קענט איהר אויף אמת'דיגע גאולה האפען.

י"ג.

ביז איהר אבער דאס טהוט בלייבען איירע עבירות
ושבתם וראיתם בין עובד אלהים ואשר לא עבדו,
אייערע תעניתים קענען ניט אבטהון דיא גזרות,
ווארין איהר בלייבט אומריין כטובל ושרץ בידו.
רחצו הזכו וואשט אייך ריין אין דעם בלוט פון
משיח
אזוי וועט איהר האבען סליחת האב והבן והרוח.

# די לעהרע פון ישוע המשיח.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

אונד ווען איהר פאסט, זייט ניט וויא דיא הייכלער (הנפים) בעטריבט, ווארין זייא מאכען א טרוידיג פנים, אז דיא לייט זאלען זעהן זייא פאסטען. באמת זאג איך אייך, זייא האבען זייער שכר שוין בעקומען: אבער ווען דו פאסט, אזוי זאלב דיין קאפ אונד וואש דיין פנים: אז דו זאלסט ניט שיינען פאר מענשען אז דו פאסט, נייערט פאר דיין פאטער וואס איז אים פארבארגענען: אונד דיין פאטער וואס זעהט אים פארבארגענען וועט דיר בעצאהלען (מתי 6 : 16-18).

אונד ער האט אויך דעם משל געזאגט צו עטליכע וואס האבען פערטרויעט אין זיך אליין אז זיי זיינען צדיקים, אונד האבען דיא איבריגע פעראכטעט: צווייא מענשען זענען ארויפגעגאנגען אין בית המקדש צו בעטען. איינער וואר א פרוש, אונד דער אנדערער וואר א שטייער-איינ-נעמער: דער פרוש איז געשטאנען אונד האט אזוי געבעטען, אוי גאט: איך דאנק דיר דאסס איך בין ניט וויא אנדערע מענשען, רויבער אומ-גערעכטע אונד נואפים, אדער אזוי וויא דיזער שטייער-איינעמער: איך פאסט צווייא מאהל א וואך, איך גיב מעשר פון אלעס וואס איך בעזיץ: אבער דער שטייער-איננעמער איז געשטאנען פון וייטען, אונד האט ניט אפילו געוואלט אויפ-הייבען דיא אויגען צום הימעל, נייערט ער האט זיך אויף דעם הארץ געשלאגען, אונד האט גע-זאגט, אוי גאט דערבארם דיך איבער מיר, דעם זינדער: איך זאג אייך, דער מאן איז אהיים גע-גאנגען מעהר גערעכטפערטיגט וויא דער אנדע-רער: ווארין איטליכער וואס דערהייכט זיך זעלבסט, וועט דערנידערט ווערען, אבער דער וואס דער נידריגט זיך זעלבסט, וועט דערהייכט ווערען. (לוקאס 18 : 9-14).

קיין קנעכט קען דינען צווייא הארען: ווארין ענטוועדער ער וועט איינעם פיינד האבען, אונד דעם אנדערען ליבען: אדער ער וועט זיך האל-טען אן איינעם, אונד וועט דעם אנדערען פער-ראכטען, איהר קענט ניט דינען גאט אונד ממון: אונד דיא פרושים וואס ווארען גייציג, האבען דאס אלעס געהערט: אונד זייא האבען איהם אויס-געשפעט: אונד ער האט צו זיי געזאגט, איהר זענט דיא וואס טהון זיך רעכטפערטיגען פאר מענשען, אבער גאט קען אייערע הערצער, ווארין דאס וואס איז הויך געמאכט צווישען מענשען, איז נידריג פאר גאט. (לוקאס 16 : 15-18).

# און נאך דעם.

איין יונגערמאן האט אמאל גערעדט מיט זיינעם אנ־אלטען גוטען פריינד וועלכער האט איהם געפרעגט וועגן דעם ציעל וואס ער האט אין זיין לעבן. „א, איך וויל ענדיגען דיא גימנאזיע”. „און נאך דעם?” האט ער איהם געפרעגט. „א, דערנאך וועל איך געהן שטודירען אין פאקולטעט פון מעדיצין”. „און נאך דעם?” „איך וועל זעהן איך זאל מיך בעפעסטיגען אין מיין פראפעסיע”. „און נאך דעם?” „עי”, האט דער יונגערמאן געענפערט, „איך שטעל מיר פאר אז נאך דעם וואס איך וועל ענדיגען דאס לעבן, וועל איך שטארבען”. „און נאך דעם?” ער האט זיך אומגעקעהרט אהנע צו געבען א שום ענטפער ווארין דיא פראגע וועגן א עתיד נאכן שטארבען האט איהם קיין מאל ניט אינטערעסירט ער זאל זיך אפגיבען א רעכנונג וועגן דעם.

ער האט געזוכט צו פארגעסן, נאר די ווערטער: „און נאך דעם?” האבן איהם געשיקט זייער אפרוף אין זיינע געדאנקען ביי טאג און זיי האבן איהם נאכגעפאלגט אין דיא חלומות ביי נאכט. צולעצט האט ער בעשלאססען צו געפינען זיך איין ענטפער, אבער ווי אזוי? דער הימעל האט זיך ארויסגעוויזען אזוי ווייט, און צו זיין קעניג צו גענעהנען האט אויסגעזעהן ווי אוממעגליך.

אין איין אבענד האט ער געהערט אויף א פלאץ אנ-עוואנגעלישען פרעדיגט. דער רעדנער איז געווען א שטארקער יונגערמאן פון שקאטלאנד, „איך בין איין אנטרונענער פון דער שיף טיטאניק”, האט ער געזאגט. „ווען איך האב געשווימען אליין אויף א באלקען, אין יענער שרעקליכער נאכט, האבען די כוואלים פון דעם וואסער צוגעבראכט צו מיר יאן הארפער, פון גלאזגא וועלכער האט זיך אויך אנגעכאפט אין א אפגעבראכען שטיק פון דער שיף. „מענש” האט ער געזאגט, „ביזט דו עררעטעט?” „ניין”, האב איך געענטפערט, „איך בין ניט”. „גלויב אין דעם האר ישוע המשיח, וועסט דו זיין עררעטעט”, האט ער געשריגען נאך זיך אין דער צייט ווען די כוואלים האבען איהם דערוויטערט פון מיר. נאר צום ערוואונדערונג. האבען זיין איהם געבראכט צוריק אין א שעה ארום. „איצט ביסטו עררעטעט?” האט ער געפרעגט. „ניין”, האב איך געזאגט, „ריינהערציג זאגן אז איך בין עררעטעט קאן איך ניט”. „גלויב אין דעם הערר ישוע המשיח”, — זיין קול איז שוואכער געווארען דורך דעם רוישען פון די כוואליס, — „דער פאר גלויב זשע אין דעם הערר ישוע המשיח וועסטו זיין עררעטעט”. מיט דעם לעצטען ווארט איז ער אוועקגעטראגן געווארען פון מיינע אויגן, אבער דארטן, אליין, אין דער פינסטער האב איך אנגעהויבען גלויבן באמת, און איך האב געפונען מיין ערלייזער. איך בין דער לעצטער בעקעהרטער פון יאן הארפער, און איך בין געקומען ברייגנען אייך זיין צואה. דרום גלויבט און נעמט אן, און פון איצט אן און ווייטער לעבט מיט גאט”.

דער יונגער שוהלער פון דער גימנאזיע וועלכער איז גיזעסן אויפן באלקאן האט מיט זאנפטמוטיגקייט אראפגעבויגען דעם קאפ מיט א געבעט פון אונטערטעניגקייט: „האר, איך גלויב” ער האט געפונען דעם ענטפער אויף דער גרויסער פראגע: „און נאך דעם?”, פאר וועלכער אלע וועלען דארפען שטעהן איין טאג.

---

# ישראל'ס אויפגאבע

## פון ד"ר מ. גרען.

(פארטזעצונג פון No. 3—4 און שלוס)

ויא וועניג אבער ישראל האט בעגריפען דיא קלאהרע און דייטליכע לעהרע פון זיינע נביאים קענען מיר זעהן פון דיא פאלגענדע ווערטער פון איינעם פון די שפעטערע נביאים:

„כה אמר ה' צבאות לאמר: משפט אמת שפטו וחסד ורחמים עשו איש את אחיו; ואלמנה ויתום וגר ועני אל תעשקו, ורעת איש אחיו אל תחשבו בלבבכם. וימאנו להקשיב, ויתנו כתף סררת ואזניהם הכבידו משמוע; ולבם שמו שמיר, משמוע את התורה ואת הדברים אשר שלח ה' צבאות ברוחו, ביד הנביאים הראשונים“ (זכריה ז: ט—יב), —

אזוי האט ה׳ צבאית געזאגט, איהר זאלט משפט׳ מיט איין אמת׳ן משפט; איהר זאלט זיך בעגעהן מיט חסד און רחמנות איינער מיט-ן אנדערן; איהר זאלט ניט אונטערדריקען דיא אלמנה, דעם יתום, דעם גר אין דעם ארעמאן, און איר זאלט קיין שלעכטס ניט טראכטען איינער אויפ׳ן צווייטען. אדער זיי האבען זיך ענטזאגט צו ציהערען, און האבען אויסגעשטעלט א ווידערשפעניגען רוקען, און זייערע אויערען האבען זיי פערשטאפט, און זייער הארץ האבען זיי פערשטיינערט, דאס זיי זאלען ניט קענען הערען דיא תורה, און דיא ווערטער וועלכע ה׳ צבאות האט צו זיי געשיקט דורך זיין גייסט, דורך די פריהערדיגע נביאים״.

זיי האבען ניט נור פערפעהלט צו האלטען פאר דיא אייגען ישראל׳ס לעבענס-אויפגאבע און זיין פפליכט צו דער מענשהייט, אבער אלעס צוזאמען דיא גאנצע געטליכע ליטעראטור זייערע, דער גאנצער תנ״ך, איז ביי זיי געווארען וויא דיא ווערטער פון א פער׳התמ׳טען ספר („ותהי לכם חזות הכל כדברי הספר החתום״, ישעיה כט: יא).

און דאס איז געווען דאס פאלק, ערוועהלט און בעשטימט פאר א „ממלכת כהנים״, פאר א פאלק פון וועלט-גייסטליכע צו פערשפרייטען דיא געטליכע וויסענשאפט צווישען דיא פעלקער; דאס פאלק וועלכע האט געדארפט זיין א ברכה צו אלע משפחות, צו אלע ראסען, פון דער ערד.

דיא וועלט וואלט נאך לאנג געווען אהן גאט׳ס, ווארט, ווען עס וואלט נעדארפט ווארטען ביז ישראל וועט זיך גוט אויסלערנען זיין לעקציאן צו קענען עס איבערגעבען צו אנדערע. אבער דער זעלביגער רוח ה׳, דער געטליכער גייסט, וועלכער האט דורך דיא נביאים געהאלטען אין רופען און בעסערען ישראל׳ן, האט אויך דורך דיא זעלבע נביאים, אנגעצייגט אויפן קומען פון א גואל, פון אן ערלעזער, אין ציון אבצושאפען דיא זינד אין יעקב („ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב״, ישעיה נט: כ״; רומים יא: כו); א גואל וועלכער וועט ניט נאר אויפריכטען דוד׳ס שטוהל מיט משפט און צדקה (ישעיה ט: ט׳), אבער וועט אויך ארויסגעבען משפט צו דיא פעלקער („משפט לגוים יוציא״׳ ישעיה מב: א׳), אויף וועמעס תורה דיא אינזלען וועלען ווארטען („ולתורתו איים ייחלו״, ישעיה מב: ד׳).

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# פראגען פאר אידען.

## ארויסגענומען פון דער תורה און פון דעם תהלים.

איך וויס דאס פיעלע פון אייך, מיינע ליעבע אידעשע ברידער, ליעבען זעהר פראגען צו שטעלען, איבערהויפט ווען איהר קומט ציזאמען מיט גלויבינגע אין משיח. ווען איהר פרעגט די שאלות אום די וואהרהייט צו געפינען, איז עס געוויס גאנץ לויבענסווירדיג. יעדער גלויבינגער אין משיח וועט זיך פרייען אייך צו אנטווארטען, זא וויט ווי עס איז נאר מעגליך, אום אייך צו צייגען אין וואס ער ווירקליך גלויבט.

ווען ישוע האט צו די אידען געפריידיגט אין ארץ ישראל האבען זיי איהם פיעלע פראגען געשטעלט וועלכע ער האט זיי פעראנטווארטעט, אבער מאנכעס מאל האט ער צו זיי פראגען געשטעלט און איינינגע זיינען נאך אונפעראנטווארטעט ביז_היינטיגען טאג.

יעצט וואלטען מיר אויך אייך איינינגע פראגען פארלייגען איבער עטליכע געוויסע וויכטיגע שטעלען אין דער ביבעל (תנ״ך), און מיר בעטען אייך ערנסטליך דאס איהר זאלט זיי גוט באטראכטען צו אייער אייגענעם געוויסען.

### פראגען פון דער תורה.

די ערשטע שטעלע איז בראשית מ״ט י׳:

לא יסור שבט מיהודה ומחקק מבין רגליו עד כי יבא שילה ולו יקהת עמים — „דער שבט וועט ניט אבגעטהון ווערען פון יהודה און דער געזעצגעבער פון צווישען זיינע פיס ביז שילה וועט קומען, און צו איהם וועלען זיך איינזאמלען די פעלקער״.

דיזער פסוק איז אייך גוט בעקאנט, און וויל

עס איז ארויסגענ׳מען פון דער תורה הקדושה איז יעדער גוטער און פרומער איד פערפליכטעט עס צו בעטראכטען אלס גאטעס וואהרהייט. האבען ניט די אלטע אידישע ראבינער ווי אויך די תרגומים און מדרשים געלערענט דאס ביי שילה איז געמיינט דעט משיח? אייב זא, האט ניט דער מלך המשיח געדארפט קומען איידער דער שבט איז אוועקגענומען געווארען פון יהודה? און איז ניט דער שבט פון יהודה שוין אבגעטהון געווארען באלד נייגצעהן הונדערט יאהר, דורך וועלכער צייט די אידען זיינען צערשפרייט אין אלע לענדער אין דער וועלט?

איז ניט ישוע געקומען איידער דער שבט האט אבגעוויכען פון יהודה? און האבען זיך די פעלקער ניט אונטערטהעניגליך פערזאמעלט צו איהם ווי עס איז דא בעשריעבען געווארען? גיבט עס נאך איין פערזאן אין דער גאנצער וועלט-געשיכטע וועלכער זאל האבען אזא רעכט בעטראכטעט צו ווערען אלס שילה ווי ישוע? זיינען מיר ניט מאראליש געצוואונגען אנצונעהמען ישוע אלס אונזער משיח ווען מיר נעהמען אן דיעזען פסוק אלס גאטעס ווארט? ווארום זאלען מיר פעראכטען גאטעס לעהרע און אננעהמען מענשען לעהרע?

(פארטזעצונג קומט)


האלהים הוא האהבה — גאט איז די ליבע

The Mildmay Mission to the Jews.

אין זאאל „בית־אל״ קישינעוו

מיעסטשאנסקאיא 26—(str. Wl. Herţ. 10)

דרשות און געזאנג וועגן גאט׳ס ליבע

יעדן שבת 4 א זייגער און 7 א זייגער אבענד

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פיסגארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

איינגאנג פריי פאר יעדן.

אין זאאל „בית־אל״ איז אויך צו בעקומען המשים תנ״כ, און אנדערע רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשון־קודש, רוסיש, רומייניש.

אבאנאמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי, 6 חדשים 6 לעי.

אלע אבאנאמענטן ערהאלטן די „ציונ׳ס־לידער״ אומזיסט.

פיר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר

Adresa: Redacţia „Binevestitorul“ Expedit. N. Tarlev.
str. Wl. Herţ. 10. Chişinău—Basarabia.


Redacţia şi Administraţia: Misíon. Englez. „Mildmay“, L. Awerbuch

BCU Cluj / Central University Library Cluj